ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# מעשה
# רפאל תם

אידיש

**59**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ד לפ"ק

# מעשה

# רפאל תם

## א שיינע וואונדערליכע ערצאהלונג

פון הרב הגאון המפורסם

ר׳ רפאל תם מעיר האמבורג.

פון דער מעשה קאן מען זיך אראפ נעמען א מוסר,
אז א מענטש טאהר ניט עובר שבועה זיין וכפרט
אויף א תקיעת כף טאהר מען בוודאי ניט עובר
זיין. השי״ת זאל אונז מציל זיין דער פון, אמן:

נאכדרוק שטרענג פערבאטען.

בהוצאות בית מסחר הספרים של ר׳ יצחק פונק בווילנא.

ווילנא

שנת תרנ״ח לפ״ק

А ШЕЙНЕ ВУНДЕРЛИХЕ МААСЕ.

т. е. Прекрасный, чудесны Разсказъ.

אין יאר 1783 האט זיך גיטראפען אמעשה ניט ווייט
פון האמבורג אין איין דארף סעדליין האט דארט
גיוואוינט איין באנדאר וועלכער מען האט אים גירופען
רפאל תם: ווייל זיין הנהגה איז גיוועזען א גאנצען טאג
פלעגט ער אליין זיצען אין וואלד וואס ער האט דארט
גיטאן האט קיינער ניט גיוויסט גאר אויף דער נאכט
פלעג ער ברענגען א ביסעל האלץ אין שטאט אריין
אין פלעג דאס פאר קויפען אונ פאר דעם געלט פלעג
ער זיך קויפען א ברויטיל אין פלעג גיין גלייך אהיים
מיט דעם ברייטיל: ווייטער פלעג מען אים קיין מאל
ניט זעהען דאווענען אודער זאגען א מאל א קאפיטעל
תהלים אזו וויא צוא איין יודען גיהער; איין ווייב האט
ער גיהאט וועלכע מען פלעג זיא רופען ציריל: דאס
ווייב פלעג שטענדיג זיצען אין קרעטשמע אונ דיא
קרעטשמע איז גיוועזען שטענדיג ליידיק זיא פלעג ניט
לייזען ניט קיין פרוטה אחת. אמת עס איז טאקע ניט
גיוועזען פאר וואס צוא לייזען; אונ פון דעסט וועגען איז
ער גיזעסין אין דער קרעטשמע א יאר פיר אין צוואנציג
אין האט שטענדיג באצאלט דעם פריץ דיא ראטע
פאר דער קרעטשמע. דיא אלע מענטשין פון האמבורג
פלעגין זיך שטענדיג פאר ווינדערען וויא קען ער נעמען
געלט צוא באצאלען. זייא פלעגען אפט מאל פרעגין
זיין ווייב וויא זיא נעמט צוא באצאלען דעם פריץ
דיא ראטע האט זיא גיענטפערט איך ווייס מער ניט ווען
עס קומט דער טאג וואס איך דארף אוועק טראגין

דֶעם פָּרִיץ דִיא רַאטֶע קוּמְט מַיין מַאן אַהֵיים אִין בְּרֵיינְגְט
מִיר אַ קְוִויטֶעל פִינֶעם פָּרִיץ אַז עֶר הָאט שׁוֹין בַּאצָאלְט :
הַכְּלַל פוּן דֶעם רְפָאלְס הִתְנַהֲגוּת הָאט קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ
גִיט גִיוְוִיסְט וָואס עֶר טוּט אִין וַואלְד אַגַאנְצֶען טָאג
בִּיז נָאךְ דֶעם אַז עֶר אִיז נִפְטָר גִיוָוארֶען אִיז מֶען
עֶרְשְׁט גִיוָואר גִיוָוארֶען אַז עֶר אִיז גִיוֶועזֶען אַ גְרוֹיסֶער
צַדִיק נָאר עֶר הָאט נִיט־גִיוָואלְט מֶען זָאל וִויסֶען פִין
אִים דֶערִיבֶּער אִיז עֶר גִיזֶעסִין אַ גַאנְצֶען טָאג אִין וַואלְד
אִין הָאט גִילֶערִינְט תּוֹרָה ! אִין פְלֶעג דָארְט דַאוְונֶען .
קִינְדֶער הָאט עֶר מֶער נִיט גִיהַאט וִויא אֵיין בֵּן יָחִיד
דֶעם בֵּן יָחִיד הָאט מֶען גִירוּפֶען שִׁמְעוֹן דָאס קִינְד
פְלֶעג עֶר שְׁטֶענְדִיג הַאלְטֶען לֶעבִּין זִיךְ אִין וַואלְד אִין
פְלֶעג מִיט אִים אַלֵיין לֶערְנֶען נָאר עֶר הָאט אָן גִיזָאגְט
דֶעם קִינְד אַז עֶר זָאל פַאר קֵיינֶעם נִיט מַזְכִּיר זַיין
אַז דֶער פָאטֶער זִיצְט אוּנ לֶערְנְט מִיט אִים אִין וַואלְד :

פעם אחת בחודש תמוז . אֵיין מָאל הָאט זִיךְ
גִיטְרָאפֶען אוּם ראש חוֹדֶשׁ תַּמוּז אִיז אַדוּרְךְ גִיפָארֶען
אֵיין גְרוֹיסֶער סוֹחֵר פוּן הַאמְבּוּרְג וֶועלְכֶער עֶר אִיז
גִיוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער גְבִיר אוּנ דֶער גְרֶעשְׁטֶער סוֹחֵר פוּן
הַאמְבּוּרְג וִויא עֶר אִיז גִיקוּמֶען אִין דֶעם דָארְף וְויא
ר' רְפָאֵל הָאט גִיוואוֹנְט . אַזוֹ הָאט אָן גִיהוֹיבֶּען
זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּא רֶעגִינֶען אַז דֶער סוֹחֵר
הָאט נִיט גִיקָאנְט פָארִין וַוייטֶער בְּשׁוּם
אוֹפֶען אַזוֹ אִיז דֶער סוֹחֵר צוּא גִיפָארֶען צוּא דֶער
קְרֶעטְשְׁמֶע וָואס ר' רְפָאֵל הָאט גִיוואוֹנְט אוּנ אִיז אַרַיין
גִיגַאנְגֶען אִין קְרֶעטְשְׁמֶע עֶר זֶעט עֶס אִיז קֵיינֶער נִיטָא
נָאר זַ"יל ר' רְפָאלְס וַוייבּ אַלֵיין אִיז דָא אַזוֹ פְרֶעגְט

ער זיא ווייא איז אייער מאן ענפערט זיא אים ער איז אין וואלד אזו האט ער זיך מיישב געווען ער וועט אמיסטען גיין אין וואלד זעהען וואס טוט דארט ר׳ רפאל: אזו האט ער גענומען זיין משרת אונ איז געגאנגען אביסעל ארום אין וואלד:

ווייא ער איז געקומען אביסעל נאהינט פון דעם ארט ווייא ר׳ רפאל איז געווען האט ער געהערט מען לערינט זייער געשמאק מיט א שיינע שטימע אזו האט ער אן געהייבען צוא גיין נעהונטער ער האָרכט מען לערינט גאנץ שטארק. אזו איז ער געשווינד צוא געלאפען צוא ר׳ רפאלין:

ווייא רפאל האט אים דער זעהען אזו איז ער שטיי געבליבען. ער גיט אים אפ שלום אונ דאס קינד ר׳ רפאלס האט אים אויך אפ געגעבין שלום. אונ זייא האבען מיט אים מער קיין ווארט ניט גירעט:

ווייא דער סוחר האט געזעהען אז זייא רעדין מיט אים ניט קיין שום ווארט אזו איז ער תיכף אוועק געגאנגען אהיים צוא ריק אין קרעטשמע אריין אונ האט אפ גירעט מיט דעם משרת זייא זאלין דארט נעכטיגען. דער משרת האט מן הסתם געפאלגט דעם סוחר אונ זייא זאנען דארט געבליבען נעכטיגען:

ווייא עס איז געקומען אויף דער נאכט אזו איז ר׳ רפאל געקומען אהיים מיט דעם קינד אונ האבען אפ גיגעסין ברויט מיט וואסער אונ האבען זיך געוואלט לייגען שלאפען אזו איז צוא געגאנגען דער סוחר אונ האט געזאגט צוא ר׳ רפאל הערט נאר אים ר׳ רפאל איך וויל אייך עפיס פרעגען נאר איר זאלט אויף מיר

ניט זיין ברוגז . אזו האט ר׳ רפאל אים גיענפערט זאגט וואס איר ווילט :

אזו האט דער סוחר גיזאגט צוא אים איר זאלט וויסען אז איך האב איין בת יחידה אונ איך וויל אייך בעטען איר זאלט אייך משדך זיין מיט מיר איך וועל אייך געבין וויא פיל געלט איר וועט אליין ווערין :

אזו האט זיך ר׳ רפאל אן גערופען יא איך וועל זיך מיט אייך משדך זיין אונ קיין געלט פאר לאנג איך ניט פון אייך נאר אויף דעם אופען אז קיינער זאל ניט וויסען אונ איר זאלט פאר קיינעם ניט דאכמען וואס איר האט אונז גיזעהען לערנען : אונ קיינער זאל ניט וויסען אז איר האט זיך משדך גיוועזן מיט מיר .

אוב איר באשטייט אויף דעם אופען איז גיט וועל איך זיך מיט אייך משדך זיין אזו האט אים דער סוחר צוא גיזאגט :

אזו האט מען באלד דעם משרת גיהייסען איין שפאנען דיא פערד אונ ער איז אריין גיפארען קיין האמבורג אונ האט געברייננט בראנפען מיט ליקעח אונ מען האט צוא מזל געמאכט תנאים וזמן החתונה האט מען אפ געלייגט אין דרייא חדשים ארים :

דער סוחר האט זיך גיזעגינט מיט ר׳ רפאל אונ מיטען ווייב אונ מיטען חתן אונ האט גיגעבען דעם חתן זייער א שיינע מתנה אונ איז זיך אריין גיפארען קיין האמבורג מיט גרוס שמחה :

וויא ער איז געקימען אהיים האט ער דער ציילט פאר זיין ווייב אונ פאר זיין טאכטער אז ער האט צוא מזל א שידוך געטאן מיט דער טאכטער :

דאס ווייב פרעגט אים ווער דער חתן איז ער דער ציילט זייא רפאל תם זין דאס ווייב מיט דער מאכטער האבען דאס דער הערט האבען זייא אן געהייבען זייער שטארק צוא וויינען אבער וואס העלפט דאס דער סוחר ענטפערט זייא עס איז פאר פאלין • איך ווייס וואס איך האב גיטאן : זייא פרעגין אים שטאטש מיט אזא גראבען יונג און אזא ארומאן וויא ער איז האסטו א שידעך געמאן :

ער ענפערט זייא אבער קיין וארט ניט ווארום ער האט צוא גיזאגט ר׳ רפאלין ער זאל ניט זאגען פאר קיינעם : אזו איז אוועק געגאנגען צוויא חדשים : האט דער סוחר איין גיקופט מלבושים פון דעם חתנס וועגין און האט אים אוועק געשיקט מיט זיין משרת און מען האט געמאכט דער כלה אויך זייער שיינע חתונה קליידער אבער דיא כלה זיצט נאר אין וויינט : זיא שרייט נאר זיא וויל ניט דעם חתן :

וויא עס איז געקימען דער טאג פון דער חתונה האט דער סוחר גינומען אמנין מענטשין אין זיין ווייב מיט דער כלה און זאגען אלע געפארין גלייך אין דארף צוא ר׳ רפאלין מען זאל שטעלין א חופה וויא זייא זאגען געקומען אין דארף אריין זייער פרייליך אבער דיא כלה זיצט נאר אין וויינט אזו איז ר׳ רפאל אריין געגאנגען אין דעם חדר וויא דיא כלה איז גיזעסין זעט ער וויא זיא זיצט אין וויינט אזו איז ער ארויס געגאנגען פון דעם חדר אין איז תיכף אוועק גילאפען אין וואלד אריין מיט דעם חתן אין האט זיך גיזעצט לערנען דער נאך גייט דער סוחר מיטין ווייב אריין צו

דער כלה איר אוים רעדין דאס הארץ זיא זאל אזו ניט וויינען וויא זייא קומען אהין צוא איר אין חדר זעהין וויא זיא ליגט אום געצונדין אויף דער ערד לופען זייא צוא געשווינד אונ הייבען זיא אן צוא מינטערין אבער זאס העלפט דאס זיא חלישת צום טויט אזו איז דער סוחר תיכף געלאפין צום מחותן ר' רפאל: ער איז גאר ניטא אין קרעטשמע ער לופט ווידער אהין צוא דער כלה אונ פרעגט זיא וואס איז דא געווען זיא ענפערט אים איך ווייס מער ניט דער מחותן איז אהין גיגאנגען צוא מיר אין האט מיך גיטראפען זיצען אין וויינען איז ער תיכף אוועק גיגאנגען.

וויא דער פאטער האט דאס דער הערט אזו איז ער תיכף גילאפין אין וואלד אריין אונ האט אפ גיזאגט ר' רפאלין מיטין זין אונ האט אן געהייבען זייער צוא זיינען פאר אים אונ האט אים דער ציילט אז דיא כלה איז שרעקליך פאר שלאפט גיווארען האט אים ר' רפאל גיגעבין איין גרעזיל ער זאל איר געבין א שמעק טאי ווערט זיא ווערין געזינד נאר באופן זיא זאל איבער בעטין דעם חתן אזו איז דער סוחר גילאפען גישווינד אונ האט איר גיגעבין א שמעק טאן דאס גרעזיל איז זיא תיכף געזינד גיווארין וויא זיא האט גיזעהין אזא מעשה האט זיא זיך פאר שטאנען אז דער מחותן איז א נסתר אונ ער איז טאקע איר זיווג אזו איז דיא כלה תיכף געגאנגין אין האט איבער גיבעטין דעם חתן מיט דעם מחותן אונ מען האט צוא מזל גישטעלט א חופה אונ ר' רפאל האט מסדר קידושין געווען. נאך דער חופה האט מען משמח געווען חתן וכלה אזו

וויא בא יודען פירט זיך :

אוף מארגין פריא האט דער סוחר געהייסען מען זאל איין שפאנען דיא פערד ער זאל פארין אהיים אזוי האט מען תיכף איין גיפאקט אלע מלבושים דעם חתונס מיט דער כלים . אונ דער עולם האט זיך גיזעגינט מיט ר' רפאלין אוף דעם סוף איז גיגאנגען דער סוחר מיטין חתן זייא זאלען זיך גיזעגינען מיט ר' רפאלין אזוי האט ר' רפאל גענומען דיהאנט באם זין אז ער זאל זיך ניט מישין צוא קיין שום גישעפט רק ער זאל זיצען יומם ולילה על התורה ועל העבודה אונ דער סוחר האט אויך צוא גיזאגט ר' רפאלין אז ער וועט אים ניט נעמין צוא זיינע גישעפטין נאר ער זאל זיצען אין לערנין :

אונ ר' רפאל האט גיבענטש דיא חתן וכלה אין זייא זאנען ארויין גיפארין קיין האמבורג וויא זייא זאנען געקומען קיין האמבורג אזוי האט דער סוחר אפ גיגעבין דעם איידים אבאזונדער חדר אין דער איידים איז גיזעסין טאג אונ נאכט אונ האט גילערינט תורה דער סוחר מיטין וייב האבען גיהאט זייער פיל נחת פון דעם פאר פאלג : דאס פאר פאלג האט זיך גילעבט זייער צוא פרידען אונ האבען גיהאט קינדער זייער פיינע :

ויהי כי ארכו הימים : וויא עס איז געקומען אין איין צייט ארום איז ר' רפאל נפטר גיווארין איז דער סוחר מיט דעם איידים גיפארין אין דארף ארויין אונ האבען אים מקבר גיוועןן מיט גרויס כבוד אזוי וויא צוא איין צדיק גיהער :

אונ דער סוחר האט ערשט אחר פטירתו דער

ציילט דאס צדקות פון זיין מחותן ר' רפאל : האבען
דיא שטאט לייט ערשט געוויסט וואסער אצדיק ר' רפאל
איז געוועזן :

וויא עס איז אזו אוועק געגאנגען עטליכע יאר
אחר פטירתו האט זיין זין גאר פאר געסין אז ער האט
געגעבין דיא האנט זיין פאטער ער זאל זיצען יומם ולילה
על התורה ועל העבודה : און ער האט אן געהויבין
ביסליך וויים אריין גיין אין געוועלב אריין צום שווער
און האט אן געהויבען אריין קוקען אין דיא ביכער עס
איז אזו אוועק געגאנגען אקורצע צייט ביז ער איז שוין
שטענדיג געזעסין אין געוועלב און האט געפירט
דאס געשעפט :

ויהי היום . האט זיך געמאכט מען האט גידארפט
פארין אויף אגרוסין יאריד איז דער סוחר גיפארין אויף
דעם יאריד און האט מיט גענומען זיין איידים אויך דער
וויל האט זיך דער איידים באקאנט געמאכט מיט סוחרים
און דער נאך ווען מען האט גידארפט פארין נאך סחורה
אודער אוף גרוסע ירידים פלעג שוין דער איידים
אליין פארין : און ער האט שוין גאר ניט אין זינען דעם
תקיעת כף וואס ער האט גיגעבין זיין פאטער . ער זאל
זיצען און לערנין און ווען ער פלעג אוף פארין א יאריד פלעג
ער פארין זייער פרייליך :

ויהי היום ו האט זיך געמאכט עס איז געווען אגרויסיר
יריד אין דער גרוסער שטאט לעמבערג אזו האט ער
אפ גירעדט מיט זיין שווער אז ער זאל פארין אויף דעם
יאריד און זיין שווער איז אויך צוא פרידען געווען דער
פון מען האט באלד אן גיפאקט עטליכע בריקעס מיט

סחורת אין ער האט זיך אויך מכין גיוועזן צום פארין
אין האט זיך גיזעגנט מיט זיין שווער אין שוויגער אונ
מיט זיין ווייב אין קינדער אונ איז זיך אוועק גיפארין
קיין לענטשנע אויף דעם יאריד זייער פריילעך וויא זייא
זענין גיקומען אויף דעם יאריד האבין זייא גילייזט זייער
פיל געלד אונ האט פאר דינט זייער פיל געלד. נאך
דעם יאריד איז אים אן גיקומען א בריף פון זיין שווער
ער זאל פארין פון דארט קיין לייפציג נאך סחורה. אזו
האט ער דיא אלע משרתים גיהייסן פארין אהיים אין
ער אליין איז אוועק גיפארין קיין לייפציג נאך סחורה.
וויא ער איז גיפארין אויף דעם וועג אזו האט זיך דער
הימל פאר חמארית עס איז אזע גיווארין פינצטער מען
האט ניט גיזעהין וויא צוא פארין אין עס האט אן גיהייבין
צוא דינערין אין צוא בליצען אז עס איז גיוועזן פחדים
הכלל מען האט ניט גיזעהין דיא ליכטיגע שיין דער בעל
עגלה איז פאר צרות אנשלאפין גיווארין אזו זאנין דיא
פערד פאר גאנגען אין איין גידיכטען וואלד:
זייא זאנין אזו גיפארין א גאנצע נאכט אין דעם
וואלד ביז עס איז טאג גיווארין ; וויא עס איז טאג גיווארין
הייבט אים דער בעל עגלה אן צוא זאגין וואס מיט
מען בעל הבית איך ווייס ניט דיא וועג ער ענפערט דעם
בעל עגלה איר ווייסט וואס איך וועל אייך זאגין איך
וועל מיך דא שטעלין דאווינען אין איר זעצט זיך דאטין
אויף א פערד אין פארט אדארך דעם וואלד טאמיר וועט
איר געפינען א שטעשקע מען זאל קאנען ווייטער פארין:
אזו איז גיבליבען ער נעמט זיך ארום זיין טלית
ותפילין אין דיא קאריטי האט מען צוא גיבינדען צוא

איין בוים אין דער בעל עגלה האט זיך גיזעצט ראמין
אויף א פערד און איז געפארין זיכען ערגיץ אשטעשקע
וויא ארום זייא זאלען קאנגען ארויס פון דעם וואלד :
אין ער אליין האט זיך באקלערט ער וועט זיך שטעלין
דאווינען אונטען אויף דער ערד האט ער מורא
חלילה פאר חיות טאמער גיפינט זיך דארט
אין וואלד : אזו איז ער ארויף גיקראכען אויף איין
גרויסין בוים איין גידיכטען ניט ווייט וויא די קאריטע
איז גיוועזן צוא גיבינדען און האט תיכף זיך גישטעלט
דאווינען אויף דעם בוים אבער וואס העלפט דאס
אז דאס אומגליק איז באשערט העלפט קיין שום
חכמה ניט וויא ער האט אזו גידאווינט הערט ער
פון ווייטינס א גרויס געריידער מיט איין גיקלינגעריי
אזו איז ער שטיל גיבליבען און איז שוין גיזעסין
אויף דעם בוים מיט גרויסע שרעק און מיט גרויס
ציטערניש און דעם טוט ער אקיק וויא עם גייען
דרייא גזלנים און פירען זיין בעל עגלה אינטער די
הענט וויא זייא זענין צוא גיקומען צוא דער קריטע
האט זייא דער בעל עגלה גיוויזען דם קעסטיל מיט דעם
געלט האבען זייא דאס מן הסתם תיכף צוא גינומען
אין דעם בעל עגלה האבען זייא תיכף גיהרגית און
האבען צוא גינומען די קאריטע מיט די פערד
אין זאנען תיכף אוועק מיט די אלע זאכען : און ער
האט דאס אלעס צוא גיזעהין מיט גרויס שרעק:
וויא זייא זאנען אוועק גיגאנגען האט ער זיך
שטעלט דאווינען מיט גרויס כונה נאך דעם דאווינען
איז ער אראפ גיקראכען פון דעם בוים און האט זיך

גילאזט גיין אויף איין אנדער וועג ניט מיט דעם וועג
וויא דיא גזלנים זאגען גיגאנגען : אזו איז ער
גיגאנגען אוועק איין ערך צוויא טעג מיט צוויא נעכט
וויא ער מיט אקיק פון ווייטענס ער זעט אקרעטשמע
זאל ער אריין גיין האט ער מורא מאמער וואגען
דארינען גזלנים . זאל ער ניט אריין גיין האט ער
זיך שוין ניט גיגעסין צוויא טעג מיט צוויא נעכט
ער האט זיך מיישב גיוועזן סייא וויא סייא איז מיין
וועלט פאר פאלען ; ווערין מיך גזלנים ניט הארגינען
וועל איך זיך דער גיין פאר הינגער אזו האט ער זיך
מפקיר גיוועזן אין איז גלייך אריין גיגאנגען אין דער
קרעטשמע : וויא ער איז אריין גיגאנגען אין דער
קרעטשמע אזו האט ער קיינים ניט גיטראפען נאר
איין יונג ווייביל איז גיזעסין וויא ער האט זיא דער
זעהין איז ער גיבליבען חלשות אזו האט זיא אים אויף
גימינטערט אין האט אים גיגעבין עפים צוא עסין
ער האט אפ גיגעסין אין האט זיך אביסיל אפ גירט
פרעגט זיא אים ווער ער איז ער דער ציילט ער ווער
ער איז אין וויא אזו עס האט זיך מיט אים גיפאסירט
ביז אהער ; ער פרעגט זיא ווער זיא איז האט זיא
אים דער ציילט אז זיא איז אגרויסען גבירס אקינד אין
זיא האט ניט לאנג חתונה גיהאט וויא עס איז גיקומען
אויף א יום טוב האט איר פאטיר גישריבען צוא איר
א בריף זיא זאל פארין מיט איר מאן צוא אים אויף
יום טוב וויא זיא איז גיפארין מיטען מאן אזו זאגען
אן גיקומען א באנדע מיט רובער אין האבען איר מאן
מיט דעם בעל עגלה גיהרגעט אין זיא האט איין רובער

גענומען

גענימען זיך פאר א מאן אין דא איז שוין צוויא יאר
דא בא דיא רובער וויא ער האט דאס דער הערט
האט ער זייער אן גיהייבען צוא וויינען ער טראכט
זיך מילא דיך האט ער גנומען פאר א ווייב אבר
מיך וועט ער מן הסתם גיוויס הרגענין אזו רופט
זיא זיך אן צוא אים שרעק דיך גאר ניט מיין ליבער
פריינד איצט האסטו בכלל קיין מורא ניט א גאנצען
טאג קומען זייא קיינער ניט אהיים אזו מעגסטו דא
זיצען מיט מיר ביז פאר נאכט אין פאר נאכט וועל
איך דיר ווייזען איין וועג וויא ארויס זאלסטו קאנען
ארויס פון דעם וואלד: נאר איך בעט דיך אז
השי״ת וועט דיר העלפין דיא וועסט אי״ה בשלום
קימען אהיים זאלסטו מיך אויך גידיינקען ציא גיטען
אזו האט ער איר צוא גישווארין אז תיכף וויא
ער וועט קומען אהיים זאל ער זיא זעהין גידיינקען
מען זאל זיא ארויס נעמין פון דיא רובער:

ער האט זיך באלד פאר צעכינט איר פאטערס
נאמען אין איר שטאט אין דאס אורט פון דיא רובער
האט ער אויך געמאכט א צייכען:

ער האט זיך דארט מיט איר פאר ווילט ביז
פאר נאכט וויא עס איז נאכט גיווארין האט זיא
אים גיגעבין א ב־ויט איז איז מיט אים גיגאנגען אין
ערך פון צוויא שעה אין וואלד ביז זיא האט אים
ארויס גיפירט אויף איין שטעשקע אזו האט זיא זיך
גיזעגינט מיט אים אין איז זיך אוועק גיגאנגען ציא
ריק צוא דיא רובער אין ער איז זיך גיגאנגען גלייך
מיט דער שטעשקע וויא זיא האט אים געוויזין ער

זאל גיין אזו איז ער גינאנגען איין ערך פון דרייא
אודער פיר שעה ביז ער איז נעבך זייער מיד גיווארין
אזו איז ער ארויף גיקראכען אויף איין בוים אין האט
זיך גיזעצט אפ רוען וויא ער איז נעבך אזו גיזעסין
אויף דעם בוים אזו איז צוא גילאפען איין לייב זייער
א שרעקליכער אין א גרוסער איז האט זיך גיגעבין איין
קראץ אין דער בוים האט זיך דיא בוים א שאקיל
גיגעבין אזו איז ער באלד אראפ גיפאלין פון דער בוים
אין האט זיך צוא בראכין דיא האנט . (דער לייב האט
זיך נאר גיגעבין א קראץ אין דער בוים אין איז באלד
אנטלאפין גיווארין) וויא ער איז דא אראפ גיפאלין
פון דעם בוים אין האט זיך צוא בראכין דיא האנט
האט ער זייער אן געהייבען צוא שרייען אין צוא
וויינען דער ווייל האט השי"ת מזמין גיווען עס זאנען
אדורך גיפארען סוחרים וויא זייא האבען דער הארכט
אז אמענטש שרייט זייער אין וויינט אזו זאגען זייא
צוא גענאנגען צוא אים אין האבען אים גענומען צוא
זיך אויף דער עגלה אין האבען אים געבריינגט אין
שטאט אריין האבען זייא אים באלד אריין גיגעבען
אין ביקור חולים שען זאל אים אויס היילען דיא
האנט אבער וואס העלפט דאס ער איז אוועק
געלעגען איין ערך פון צוויא חדשים אין ביקור חולים
אין דיא דאקטורים האבען אים ניט גיקאנט העלפין .
עס האט אן געהויבען צוא פאלען שטיקלעך פון
דער האנט ער איז גיווארען אזא מיאסער חולה ר"ל
אז ער האט ניט גימארט ליגען אין איינעם מיט
אלע חלוים האט מען אים גימוזט ליגען באזונדער



אין

אין איין שטיבל וויא קיין שום מענטש איז נים פאר
אנגען איר קאנט פאר שטיין דאס רחמנות פון דעם
מענטשין אזא טייער און איין איידעל קינד אז ער
האט גידארפט ליידען נעביך אזוינע יסורים : הכלל
אז עס איז באשערט ער זאל געהאלפען ווערין אזוי
וויא עס שטייט ישועות ה' כהרף עין : איז ער
נעביך געליגען איינער אליין אין חדר אין האט
נעביך אן געהייבען צוא ווייגען זייער געשמאק מיט
איין ביטער געוויין ביז ער איז אנשלאפען געווארען
מיט גרויסע יסורים אזוי איז אים געקומען צוא חלום
זיין פאטער ר' רפאל : אין זאגט אים מיין קינד
וואס וויינסטו אזוי :

האט ער נאך מער אן געהייבען צוא וויינען
אין האט דער ציילט דעם פאטער אין גאנצען דיא
יסורים וואס ער האט נעביך גיהאט ביז א הער אין
דיא יסורים וואס ער האט נעביך אצינד מיט דער
האנט אזוי האט אים דער פאטער גיענפערט גלייב מיר
מיין קינד דיינע אלע יסורים וואס דיא האסט געהאט
האב איך געוויסט נאר דיא אלע יסורים האסטו דער
פאר וואס דיא האסט מיר גיגעבין דיא האנט תקיעת
כף אז דיא זאלסט שטענדיג זיצען אין לערנען אין
צום סוף האסטו עובר גיוועזן ע"כ האסטו דיא אלע
יסורים וויא ער האט דאס דער הערט האט ער
נאך מער אן געהייבען צוא ווייגען אין האט געשווארין
פאר דעם פאטער אז השי"ת וועט אים ארויס העלפין
פון דיא אלע צרות וועט ער זיך ווידער זעצין לערנען
במנתנו אזוי האט אים זיין פאטער ר' רפאל גיגעבין

גרעזיל ער זאל צוא ליגען ציא דער האנט וועט אים השם יתברך העלפען אזוי האט זיך דער פאטער גיזעגענט מיט אים אין איז ניט גיבליבען:

אין ער האט זיך אוף גיחאפט פינעם שלאף ער מיט אזיק עס ליגט לעבין אים אשטיקעל גראז זייער אשמעקדיגס ער נעמט תיכף דאס גרעזיל אין ליגט זיך ציא צוא דער האנט אין ער איז תיכף גיהאלפען גיווארען:

ער איז באלד אריין גענאנגען צום דאקטער אין האט זיך געהייסען אוס שרייבען פון דעם ביקור חולים. אין איז באלד גענאנגען אין בית המדרש אריין אין האט זיך גיזעצט לערנען: אוף דער הוצאה האט ער זיך ניט גיהאט: האבין אים טייל מענטשין אויס געהאלטען מיט עסין אין טרינקען אין ער איז גיזעסין אין האט גילערענט:

ויהי היום האט זיך געמאכט עס איז געווען אגרויסער יאריד אין דער שטאט האט ער זיך באקלערט איך וועל אויס גיין אוף דעם יאריד טאמער וועל איך דארט זעהין סוחרים פון אונזער שטאט איך זאל קאנען מיט זייא פארען אהיים צוא מיין שווער אין שווינגער אין צום ווייב אין קינדער: אזוי איז ער תיכף גיגאנגען אוף דעם יאריד ער גייט אים אגאנצען טאג ער זעט ניט קיינעם ער גייט ווייטער דעם אנדערין טאג אוף דעם יאריד ער זעט פארט ניט קיינעם הכלל ער איז אום גענאנגען אלע טאג ער האט קיינעם ניט גיטראפען. ווייא עס איז געקומען דעם לעצטין טאג פון דעם יאריד גייט ער געביה ארום אויף דעם יאריד מיט גרויסע יסורים

וויא ער מיט א קיק פון ווייטינס עס פארט זאגאנצע מחנה עס פארען אפשר צוואנציג סוחרים און עס גייען אזאך בריקעס מיט סחורה וויא ער גייט ציא צוא דיא סוחרים האט ער דער זעהין אלע האמבערגר סוחרים און זיין שוועער זיצט אויך מיט זייא. דער שוועער האט אים ניט דער קאנט ווייל ער איז געגאנגען נאקעט און בארוועס אזו וויא איין ארומאן וואס גייט אום און דיא הייזער ריל ער האט אבער יא דער קאנט זיין שוועער ער שטייט און ווארט ביז דיא וועלין אראפ קריכען פון דעם וואגען ער מיט א קיק דאס הייביל וואס איז געוועזן בא דיא רובער קריכט אויך אראפ פון דעם וואגען:

דאס ווייביל האט אים באלד דער קאנט און ער זיא אויך. האבען זייא זיך ביידע זייער גיפרייט. דאס ווייביל דער ציילט פאר זיין שוועער אז דער יונגער מאן איז געוועזן בא איר און שטיב:

הכלל ער גייט ציא באלד צום שוועער און ניט אים אפ שלום און זאגט אים וואס מאכט איר מיין ליבער שוועער און וואס מאכט מיין שוויגער צירייל און וואס מאכט מיין ווייב מיט דיא קינדערליך און האט אן געהייבען זייער שטארק צוא וויינען וויא דער שוועער האט דאס דער הערט און האט א קיק גיטאן אויף זיין חוצף האט ער אויך זייער שטארק אן געהייבען צוא וויינען. הכלל זייא זאגען אריין גיגאנגען אין א סטאנציע און ער האט דער ציילט פאר זיין שוועער און גאנצען דיא געשיכטע וויא אזו עס האט זיך גיפאסירט מיט אים: מען האט באלד אים גיבראכט

שיינע מלבושים ער זאל אן טאן אין איז שוין גישטאנען
מיט דעם שווער אויף אסטאנציע איין ערך פון א טאג
אכט דער נאך זאנען זייא געפארען אהיים מיט גרוס
שמחה ! ער פרעגט דעם שווער וואס איז דיא
מעשה וואס זייא האבען פאר שפעטיגט דעם יאריד
דער ציילט אים דער שווער אז זייא זאנען געפארען
אויף דעם יאריד האבען זייא געוויסט אז אין דעם
וואלד איז דא גזלנים על כן זאנען מיר געפארען
צוואנציג סוחרים אין איינעם אין דער בעל עגלה
מיט דיא סחורות זאנען געווען איין ערך פון פערציג
פארשיין אין וויא מיר זאנען געקימען ניט ווייט פון
דעם וואלד איז געווארען זייער חמארנע אין פינצטער
מען האט ניט גיזעהען דיא וועג האבען מיר אלע
אראפ געבלאנזעט אין דעם וואלד אריין זאנען מיר
אום געגאנגען אגאנצען טאג אין וואלד אין מיר האבען
ניט געפינען קיין שום שטעשקע נאר וויא עס איז
נאכט געווארען האבען מיר דער זעהען עס לאכט זיך
אין איין קרעטשמע זאנען מיר אלע אריין געגאנגען
אין דער קרעטשמע איז קיינער ניט געוועזן נאר דאס
ווייבעל אזוי האבען מיר זיא געפרעגט ווער עס וואוינט
אין דער קרעטשמע אין מיר האבען זיא גיבעטין זיא
זאל אונז ווייזען א וועג מיר זאלען קאנען ארום פון
דעם וואלד אזוי האט זיא געביך זייער אן געהייבען
צוא וויינען אין האט אונז דער ציילט ווער זיא איז
אין וויא אזוי זיא קומט אין קרעטשמע אריין אזוי האבען
מיר אויף איר גרוס רחמנות געהאט אין מיר האבען
געווארט ביז בא נאכט וויא עס איז געקומען צוועלף

ביא נאכט זאנען געקימען איין ערך פון צעהין גזלנים מיר זאנען דאך אבער גיוועזן זעכציג פא״שיין אזו האבען מיר זיך גענומען שלאגען מיט דיא גזלנים ביז מיר האבען זייא אלע געשלאגען צום טוט דער נאך האבען מיר ארוס גענומען בא זייא זייער פיל געלד אין זילבער אין מיר האבען גענימען דאס ווייבעל אויך אין דיא קרעטשמע האבען מיר אן געצינדען אין זיא איז פאר ברענט געווארען מיט דיא גזלנים עס איז ניט געבליבען קיין שריד ופליט פון זייא:

אצונד האבען מיר דעם ווייביל אפ גיגעבין דאס געלד אין זילבער אין מיר האבען זיא געשיקט צוא איר פאטער אין מיטער אזו האט אים דער שווער דער צײלט אז איבער דעם האבען זייא פאר שפעטיגט דעם יאריד:

דער נאך האט דער סוחר באלד געהייסען שפאנען דיא פערד אין האט זיך אריין גיזעצט מיטען איידים אין דער קאריטע אין זאנען געפארין קיין האמבורג זייער פרייליך:

ווייא זייא זאנען געקומען ניט ווייט פון האמבורג האט דער סוחר געשיקט א ידיעה אז ער פארט מיט זיין איידעם אזו איז דיא שווינער צידיל מיט דער טאכטער ארוס געפארין קעגין זייא אין דיא שטאט לייט זאנען אויך געפארען אקעגין זייא אין מען האט זייא אריין גענימען קיין האמבורג מיט גרוס געזאנג אין אז זייא זאנען שוין געקימען אהיים האט מען אלע טאג געמאכט סעודות אויף ארומע לייט אין אויך סעודות פאר אנדערע מענטשין הכלל דער סוחר מיטען ווייב האבען זיך זייער געפרייט מיטען אידים אין דער איידים

ואס זייא דער ציילט דיא גאנצע מעשה וויא אזו עס האט זיך געפאסירט מיט אים אין האט זייא דער ציילט אז ער האט נאך אמאל גישווארען פאר זיין פאטער אז ער זאל זיצין אין לערנען אזו האט מען אים באלד אפ גיגעבין א באזונדער חדר אין ער איז גיזעסין אין האט גילערינט תורה יום ולילה אין דער שווער מיט דער שוויגער האבען געהאט זייער פיל נחת פין דעם איידים אין זייא האבען פון אים גיזעהין בנים ובני בנים עוסקים בתורה השי״ת זאל אונז אויך העלפין מיר זאלין אויך זוכה זיין צוא זעהין בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות לשמה אין דער גואל צדק זאל קומען במהרה בימינו אמן כן יהי רצון:

---

אציינד מיין ליבער פריינד זע זאלסט זיך אפ היטען פון צוא שווערין ובפרט חלילה וחלילה צוא געבין א תקיעת כף השי״ת יצילנו מזה אמן:

# איין ליד פון דעם ווינער דאקטאר
## ווייא אזוי ער איז געקומען צו ריק קיין פוילען !

1

לאמיר וויינען . און לאמיר קלאגן .
לאמיר בעטן דעם לעבעדיגן גאט .
לאמיר שרייען און תהלים זאגן .
אויף דער צרה וואס אונז געטראפן האט .
עס זאל אונזערע עלטערן ניט זיין צו קיין שמחה .
זאלן זיך וועלן פאר אונז מיע האט זיך קיינער ניט גערירט .
מען האט אונז פאר פלעקט אונזער גאלדענע משפחה .
אונזער שיינעם יחוס האט מען אונז פאר שמירט .
אונזער משפחה איז געווען ווייא זילבער ריין .
קיין אפיקורסים האט מען אין איר ניט געפינען .
האט זיך ארויס א דאקטער אייער אונזער שוועסטער זין .
עס איז אין דעם ניט שולדיג קיינער , נאר דאס וויסטע היינט !

2

ער איז געווען איין זיידענע קינד .
אפילו קיין צורת מטבע האט ער ניט געקענט .
אין וועלט זאכן איז ער געווען בלינד .
ער האט נאר געוויסט דאס בית המדרש מיט דיא פיר ווענט ,
ווייא די טומאה מיט דעם טריף פסול קען פאר פירן .
פרעשע קינדער וויינט מיט אונז און קלאגט .
ער גייט שוין מיט אפריצע אין דער גאס שפאצירן .
ער איז גאר משוגע שיינס געזאגט .

גייט ער אויף דער גאס מיט מען אים נאך מיט די פינגער.
אט דאס איז דער דאקטער דער שוועסטערס זון דער יונגער.
עס איז איין אונז גליק נאר איין ריינער.
מיט אונזער שוועסטערס זין.
עס איז אין דעם ניט שולדיג קיינער נאר דאס וויכטיגע ווין.

3

איר זאלט אן קוקן זיין טרייפענע צורה.
ווי א אמענטש ווערט פאר פירט.
איר זאלט באטראכטען פון אים א גבורה;
מיט ניגריילטע קנעפלעם, און מיט מאסט בעשמירט.
מיט דעם הויכען הוט. און מיט דעם קערצען רעקיל.
ווייא איז צו אונז וואס מיר האבען דאס דער לעבט.
ער גייט שוין דאכט זיך ארן אלאבצידרעקעל.
ווער האט דאס אויף אונזער שוועסטערס זין געגרייבט.
מיט שיך אויף דיא שטיוועל. אין מיט גלעזער אויף די אויגען.
אין מיט גרוס גדלות דעם האלז אים געצויגען.
עס איז איין אונז גליק נאר איין ריינער.
מיט אונזער שוועסטער זין.
עס איז אין דעם ניט שולדיג קיינער.
נאר דאס וויכטיגע ווין.

4

ווער האט דאס נעזאגט און ווער האט דאס געגלויבט אויף אונזער
משפחה די פרומע.
אין דייטש ווארט ווער האט גירעט אין ווער האט געוויסט פון דער
וויסטער טומאה.

אז מען האט בדארפט איין אדרעס ואויף שרייבן
ווכן איין

מיר האבן גמיינט אונזר משפחה וועט בלייבן
ווער קען היילן אונזר כבה מיט אונזר ווא
אפער טופצען לשונות בילט שון דר ד
א שלאק זאל אים טרעפן אין זייני ב
עס איז אין דעם ניט שולדיג קיינער

5

שוויגט ניט יארן, אונ טראכט א פש
אין שרייט צו גאט יעדער בעזונדר
פארט, צום רעבין ער זאל טאן תפלה.
ווערט איר קיין כורא ניט האבן פר אייערי
איך וויל ניט עפנין מיין מויל צו בעטין בעזו
איר ווייסט ניט וואס פר איין פייער אין עט ט
ער איז ביז זופצען יאר אזו פרום גוועזן ווי אייערי קינ
אפילו קיין חשבון האט ער קיין מאל ניט גקענט.
היינט האט זיך אין אים איין קליפה אהן גיטשעפעט.
א רוח אדער אדיביק האט זיך אין אים אהן גקלעפיט.
האפט זיך ארום אדאקטער איינר, אונזר שוועכטערס זין.
עס איז אין דעם ניט שולדיג קיינר. נאר דאס וויסטי זין

6

רבנים שוחטים, דיינים האט דר טאטי אין דר משפחה גיהאט.
שנשים כלמדים קבצנים, איז געווען אין דער מאמעס צד.
טיליבליך מיט שמייסליך, אין קאפטינים מיט עקלעך.
האטקליך מיט שטריימלעך. אין פאנטעפלעך מיט זעקלעך —
אויף דיא פיס.

פּיקעלך און פיש שיינע בעקעלאך.
ים קטנים איז גאר קיין שמים.
ען איין העמד גיגאנגען.
פֿון דעם טיש דער לאַנגען.
ער, אונזער שוועסטערס זין.
ער נאר דאס וויסטע זין.

אבות.

ת,
ן געלט:
אבער ער זאל וועהן פֿר ריקע.
בר קערן.
ער האט אין איר געשמידיגט.
משפחה גוועזען שיין.
וואלטען מיר געקומען ריין.
דאס זיך אַרוס אַראָקטער אײנער, אונזער שוועסטערס זין.
איז אין דעם נים שולדיג קיינער נאר דאס וויסטע זין.

סוף.

ВИЛЬНА,
Типографія Б. Ціонсона, Трокская д. 13,
1913,